שבת פרעשבורג

סמוך ונראה לציון המצוינת של מרן החתם סופר זי"ע

בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

• שב"ק משפטים (לס' יואל מש"ה אמר עלה') תשע"ו •

מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים

# המסע

דריטער נומער

שבת שמות תשע"ו לפ"ק




## ווארימער אפרוף צום 'מסע נגידי ובוני בניני מוסדותינו הקדושים', און באזונדערס צום 'שבת הגדול' בעיר פרעשבורג

### • עס וויל זיך שוין געפינען אין די טעג פון התרוממות און התעלות •

ווי נאר אנשי שלומינו שיחי' האבן אנגעהויבן צו ערהאלטן די בלעטלעך אינפארמאציע וועגן דעם בעפארשטייענדן **מסע המרומם בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, האט עס באלד ארויסגערופן א ווארימען אינטערעס. ס'האט זיך ביי יעדן זעלבסט געשאפן א געגועים צו ווערן זיין א טייל פון אזא געהויבענעם הנאה'דיגן געלעגנהייט.

אלעמאל ווען מ'קומט אין די ד' אמות פון אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע, זיך צו משתטח זיין ביי מנוחת קדשם, שאפט עס אן התעוררות און א התרוממות. דאס איז אפילו ווען מ'קומט אליין, צי מיט א גרופע אידישע ברידער. על אחת כמה וכמה, ווען מיר וועלן האבן מיט זיך כ"ק אבינו רוענו ומאיר נתיבותנו שליט"א וועלכער וועט פאר אונז **ערוועקן דעם גרויסן שיין וואס האט אין יענע מקומות אזוי געלאכטן**, און גלייכצייטיג דינען פאר אונז אלס דער יורד לפני התיבה צו מעורר זיין רחמים ביי די התעוררות'דיגע תפילות ותחנונים.

◄◄◄

ספעציעל האט ארויסגערופן א גרויס און היסטאריש חשיבות די דאזיגע נסיעה, אז ס'איז פארבינדן מיט'ן העלפן דערמעגליכן דעם ווייטערן בלי און וואוקס פון אונזער הייליגער קהילה און אירע הערליכע מוסדות התורה והחינוך. **עס דערפרייד יעדן איינציגן פון אונז**, אז עס ווערט אונטערגענומען גרויסצוגיקע פעולות סיי פארן וואקסענדן עקזיסטענץ און סיי פאר'ן פיל-פארגרעסערטן עתיד הבא על קהילתינו ומוסדותינו לטובה.

עס וויל זיך זיין א חלק פון אזא הזדמנות פון העלפן רועינו הנאמן ההולך לפנינו, צו קענען צושטיין מיט ווי מער שטיצע פאר כל בנין ובנין וואס ווערט מהיום און ווייטער געבויט ווערן, הן פאר תורה, הן פאר תפילה, און פאר עבודת החינוך. עס נעמט ארום א פינאנערישער גייסט צו וועלן זיין פון די ראשונים לדבר מצוה וואס מ'וועט אלעמאל געדענקן און אנווייזן, **אט די זענען די נבחרי נדיבי לב פון קהילתנו הק' וואס האבן געגעבן דעם גרויסן מעגליכקייט צו קענען צוברענגען צו נאך פראכטפולע געצעלטן פון תורה און חינוך פאר קהילה קדושה וויען.**

■■■

דאס הויעכפונקט פון דעם נסיעה איז באשיינפערליך **דער גרויסער שבת אין דער שטאט פון מרן מאור הגולה הגאון הקדוש החתם סופר זי"ע**. וויל זיך וועגן דעם אזוי זאגן: יעדע געשעעניש האט דריי געשטאלטן. איינס ווי אזוי מען שרייבט אז עס וועט זיין. דאס צווייטע איז ווי אזוי עס קומט למעשה פאר. דער דריטער אופן, ווי אזוי עס ווערט באשריבן. וואס אסאך מאל זענען קיין איינס פון די דריי נישט די זעלבע... ביי דעם 'שבת פרעשבורג' איז עס טאקע געוויס אזוי!

וויפיל מ'זאל זיך נאר פון פאראויס משער איבער דעם אתרעותא דלתתא ודלעילא וואס מ'וועט דארט בע"ה האבן און נהנה זיין, לאזט זיך עס גארנישט מיט ווערטער ארויסברענגען. עס אנטשפרעכט צו זיין **פיל מער וויפיל ס'איז ביד האדם צו קענען שילדערן, און פארשטעלן**. אזויפיל קען מען יא ארויסנאשן פון די זמירות שבת און זאגן: אז עס קומט א געוויסע יום שבת מנוחה מעין עולם הבא וואס לאו בכל שבתא מתרחש! דערפאר איז טאקע פאר דעם דא אזא רוחניות'דיג-שפאנענדער ערווארטונג.

# ערשטע מסיבות הכנות לרגל המסע הבעל"ט

דאס ווארימקייט וואס טאפט זיך שוין אין די לופטן צווישן אנשי שלומינו שיחי', איז געקומען צום אויסדרוק ביי צוויי הערליכע מסיבות פון הכנה צום גרויסן נסיעה פון נגידי ובוני בנינו מוסדותינו. איינס איז פארגעקומען אין מאנסי און דאס צווייטע אין לעקוואוד. א געקליבענער עולם איז צו דעם געלאדענט געווארן וואו כל המסובין האבן ארויסגעוויזן זייער ווארימען אינטערעס און זיך אנגערופן מיט סכומים עצומים.

## אין מאנסי

**עס איז פארגעקומען אין שטוב פון האברך הח' מוה"ר אברהם יצחק גאלדבערגער הי"ו. עס האט געעפנט הר"ר יודל באדאנסקי שליט"א דער איבערגעגעבענער מנהל מוסדותינו אין מאנסי, און ווארעם באגריסט די באטייליגטע. א פילזייטיגע נסיעה-באריכט מיט אלע דעטאלן האט מען געהערט פון הרבני ר' חיים הערש וויינשטיין הי"ו פון 'היי-לאו טרעוועל' פירמע.**

## אין לעקוואוד

**אין דעם עיר התורה, וואו עס וואוינט א שיינער צאל תלמידי מוסדותינו, און בכלל ידידי ק"ק וויען, איז עס אפגעהאלטן געווארן בבית הרבני הנגיד הנכבד מוה"ר יצחק דייטש הי"ו, וועלכער איז ווארעם און געטריי לכל קדשי כ"ק מרן רבינו שליט"א. מ'האט צווישן זיך גערעדט און ארויסגעברענגט דעם זכות וחובת השעה.**

בייביידע מסיבות האט מען געהאט די הנאה רוחנית צו הערן דברים נעימים פון הרה"ג ר' יואל משה מרדכי שליט"א, בן כ"ק מרן רבינו שליט"א ור"מ בישיבה"ק. דער חשוב'ער רעדנער האט ארויסגעהויבן דאס חשיבות און נחיצות פון אויפשטעלן אייגענע מקדשי מעט און אייגענע אהלי תורה וחינוך וואו מ'פירט זיך אויפ'ן ערליכן און הייליגן דרך וואו מיר זענען נתגדל און נתחנך געווארן. דעריבער ווי גרויס איז די זכיה פון די השתתפות און שותפות אין דעם, בפרט אז מ'טוט עס פאר די אייגענע קינדער.

די דברי פי חכם חן האט אין ביידע מקומות איבערגעלאזט אן איינפלוסרייכן רושם וואס איז געווען קענטיג אויף אלע אנטיילנעמער. - אזעלכע ענגע מסיבות ווילן אי"ה ווייטער נאכפאלגן אויך אין אנדערע מקומות וואו עס געפינען אנשי שלומינו וועלכע זענען דורש שלום קהלתינו ומוסדותינו הק'.

# צוריק צו אונזער הייליגן עבר

## וואו מיר וועלן מתפלל זיין און פועל'ן על קברי רבותינו ואבותינו

– דריטער קאפיטעל –

געוואָרן אויף זייער לעצטער וועג, צו קומען צווישן די צדיקים און און צדקניות בגנזי מרומים. אט די נשמות הקדושים מיט וועם מיר גייען זיך דא מתייחד זיין זענען א טייל פון אונזער לייב און לעבן.



הגה"ק משאמלויא זצוק"ל, הי"ד



הגה"ק מסאמבאטעל זצוק"ל, הי"ד. גייט אין באגלייטונג פון בני ישיבתו.

## אוישוויץ

א הויפט טייל פון אונזער לאנגער ביטערער גלות, איז דער גרעסטער בית הקברות אויפ'ן אייראפעאישן באדן [וואס איז אזוי-אויך אנגעזאפט מיט אידיש בלוט פון אלע שחיטות פון העכער טויזנט יאר אויף דעם איינעם קליינעם שה צווישן אזויפיל זאבים]. דאס איז דער גיא צלמוות אוישוויץ-בירקענאו.

דארט זענען מיט די גרעסטע עינויים אומגעברענגט געווארן העכער צוויי מיליאן אידן הי"ד! ווי האט א אידישער מקונן פון חורבן אמאל ריכטיג געשריבן: 'אין אוישוויץ איז אומגעקומען 'צענדליגער מיליאנען אידן' ווערלכע וואלטן געבוירן געווארן און זיך געפרוכטבארט פון אט די קדושים'.

מיר קענען נישט - און אלס א שבת-בלעטל טארן מיר גאר נישט - אנרירן די שרעקליכע אכזריות און גרויזאמע רציחות וואס איז אריבער אויף דעם אידיש פארבלוטיגטן ערד וואו מיר גייען טרעטן. ווער איז דען בכלל בכח אריין צו גיין אין די פרטים פון דעם גיהנם שבגיהנם.

וואס ס'דארף יא אנגערירט ווערן בשעת מיר גרייטן זיך צו קומען צווישן די דראטן פון דעם ריזיגן בית הקברות, איז געדענקן: אז כאטש וואס קיין איינע פון די אומגעברענגטע קדושים האבן נישט קיין מצבה אויף זייער נאמען, זענען דא ארויף אין גן עדן אונזערע אייגענע זיידעס און באבעס און זייערע קינדער-געבענטשטע משפחות און ווער ווייסט וויפיל אזעלכע נאענטע קרובים.

רובא דרובא פון בני קהילתנו שיחי' שטאמען דאך פון די הונדערטער-טויזנטער טייערע לעכטיגע משפחות, וואס זענען דא דורך די טרויעריג באקאנטע סעלעקציעס, און אריין אין אט די גאז-קאמערן און קרעמאטאריעס בעת זיי זענען געטריבן

**...פאר אונז דארף באזונדערס דערמאנט ווערן אט די גדולי וצדיקי דור – וואס זענען אומגעקומען על קידוש השם אין אושוויץ – וועלכע זענען די גרויסע זיידעס פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. צו ערשט, הגה"ק רבי אשר אנשיל כ"ץ זצוק"ל דער סערדאהעלער רב, צוזאמען מיט די רביצין און רוב פון די זייערע קינדער, בתוכם בנו רב הצעיר הגה"צ ר' משה יודא זצוק"ל מחבר ספר 'ויגד משה', הי"ד...**


על אלה אני בוכיה עיני יורדה מים על אבדן האילן הגדול של אאמו"ר הגה"ק זצוקל"ה הי"ד עם כמעט כל משפחתו, ה"ה אחיי אחיותי גיסיי וקרוביי היקרים הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו הי"ד שנשרפו ע"י הרשעים הארורים ימ"ש במחנות אושוויץ בשנת תש"ד לפ"ק.

**אאמו"ר** הגה"ק מרן **שלמה זלמן** זצוקל"ה הי"ד עם זוגתו הרבנית מרת **נחמה** ע"ה הי"ד.

**חתנו** הגה"צ מו"ה **אשר אנשיל כ"ץ** זצ"ל הי"ד, אבד"ק סערדעהלי, בניו: הגה"צ מו"ה **משה יהודא** הי"ד דומ"צ שם, הב' החו"ב מו"ה **דוד** הי"ד, בנותיו: מרת **אסתר** הי"ד עם בעלה הרב מו"ה **יחיאל דוד** זלצער הי"ד ועם שלשת ילדיהם, הרבנית מ' **פערל** הי"ד עם בעלה הגה"צ **משה ארי' פריינד** הי"ד אבד"ק נאסויד ועם ארבעת ילדיהם, מרת **יהודית** הי"ד עם בעלה מו"ה **מנחם אהרן לעבאוויטש** הי"ד, בנו של הרב מטשאפ הי"ד, נכדתו הילדה **מינדל** הי"ד בת הרה"ג מו"ה **יהושע כ"ץ** שליט"א אבד"ק סאמבאטהלי.

**בתו** הצדיקת מרת **רבקה** הי"ד עם בעלה הרבני החסיד מו"ה **יונה פויגעל** הי"ד, בנותיו: מרת **הינדל** הי"ד עם בעלה מו"ה **נחמן מארקוביטש** הכהן הי"ד, בתו **לאה, טויבה,** הי"ד, בנו: הב' המו"מ מו"ה **זאב דוב** הי"ד, אשת בנו ר' **אברהם יודא,** הי"ד עם ארבעת ילדיהם.

**חתנו** הגה"צ מו"ה **יצחק צבי לעבאוויטש** זצ"ל הי"ד אבד"ק טשאפ, בנו, הרב מו"ה **אברהם אליעזר** הי"ד עם זוגתו הי"ד וארבעת ילדיהם, בתו, הרבנית **נחמה** עם בעלה הרב מו"ה **פנחס כ"ץ** הי"ד ועם שלשת ילדיהם הי"ד.

**בנו** הגה"צ מו"ה **משה יהודא** זצ"ל הי"ד אבד"ק שארמאשג עם זוגתו הרבנית מ' **שרה** הי"ד, בתו, הרבנית **הינדל** הי"ד עם בעלה הגה"צ מו"ה **חיים האלברשטאם** הי"ד ועם שלשת ילדיהם, בנו, הב' **מרדכי זאב** הי"ד, בתו, **לאה, רבקה** הי"ד.

**נכדו** הוא בני הב' חו"ב יו"ש מו"ה **אליעזר** הי"ד.

**בנו** הרבני החסיד מו"ה **נפתלי** ז"ל הי"ד עם זוגתו הצדיקת מרת **לאה** הי"ד ועם ששת ילדיהם, יטל, הינדל, חנה מלכה, אברהם יהושע, הענדל ריזל, רחל, הי"ד.

**בתו** הרבנית מרת **זיסל** הי"ד, אשת בעלה יבלח"ט הגה"צ מו"ה **הלל ליכטנשטיין** שליט"א אבד"ק קראסנא.

**כלתו** הרבנית מרת **מלכה** הי"ד אשת בעלה יבלח"ט אחי הרב מו"ה **שמעון זאב** שליט"א עם כל בניו וחתנו תשע נפשות, הי"ד.

**בתו** הרבנית **הינדל** הי"ד עם בעלה הגה"צ מו"ה **שמואל גרינוואלד** זצ"ל הי"ד ועם ששת ילדיהם הי"ד.

**בנו** הממלא מקומו הגה"צ מו"ה **חיים** זצ"ל הי"ד עם זוגתו הרבנית מרת **הינדל** הי"ד בתו של הרב מסד"ה ועם ששת ילדיהם, בן ציון, יהונתן בנימין, מינדל, גיטל, ועוד, הי"ד.

בערך תשעים נפשות יקרות, וכל קהלתו, קהלת שאמלויא יראים ונאמנים, שלמים וחסידים קרי' נאמנה צדק ילין בה הי"ד, אשר אנו מצפים בכליון עינים שיעמדו לתחי' במהרה בימינו א"ס.

אין מבוא פון ספר 'טיול בפרדס'.

צווישן די אט די מיליאנער אומגעברענגטע הי"ד בכלל, און בפרט צווישן די וואס זענען אהין געברענגט געווארן ביים ליקווידאציע פון די אונגארישע אידן אין די חדשים אייר סיון און תמוז פון שנת תש"ד, זענען דא אזויפיל צדיקי וגאוני עולם וועלכע האבן באלאכטן די הונדערטער קהילות בישראל פון אונזערע אבות, בארצות אונגארן, טראנסילוואניע און סלאוואקאי.

פאר אונז דארף באזונדערס דערמאנט ווערן אט די גדולי וצדיקי דור – וואס זענען אומגעקומען על קידוש השם אין אושוויץ – וועלכע זענען די גרויסע זיידעס פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א. צו ערשט, הגה"ק רבי אשר אנשיל כ"ץ זצוק"ל דער סערדאהעלער רב, וועלכער איז דארט אומגעקומען אין טאג פון כ"ז סיון צוזאמען מיט די רביצין און רוב פון די זייערע קינדער, בתוכם בנו רב הצעיר הגה"צ ר' משה יודא זצוק"ל מחבר ספר 'ויגד משה', הי"ד.

אין דער זעלבער צייט פון יאר – אין יענע ביטערע 56 טעג ווען א האלב מיליאן אונגארישע אידן זענען דעפאטירט געווארן קיין אוישוויץ – איז א וואך צווי פריער אויך אהין געברענגט געווארן דער גאון הגאונים דער בארימטער שאמלויא'ער רב הגה"ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצוק"ל דער שווער פון הגה"ק מסערדאהעל זצ"ל. זייענדיג נאך אין געטא אין שאמלויא האט מען דעם שאמלויער רב מציע געווען א רעטונגס פלאן זיך צו ראטעווען קיין ראמעניע. אבער ער האט זיך אפגעזאגט מיט'ן הייליגן אויסרייד: 'ס'איז א געלעגנהייט צו גיין אויף קידוש השם וואס נישט יעדע דור איז זוכה צו דעם'! – 'עכשיו שבא לידי...!' האט דער תנא רבי עקיבא געזאגט!

דעם צווייטן טאג שבועות האט מען אים און די אידן פון שאמלויא'ער געטא ארויף געטריבן אויף די וואגאנען און פארשיקט קיין אוישוויץ. ביים אנקומען אהין, ווען יעדער האט קלאר געוואוסט וואו מען האלט, האט דער שאמלויא'ער רב זצ"ל געריידט צו זיינע אידן און זיי געטרייסט, דאס זיי האבן איצט די זכי' אומצוקומען על קידוש השם. זאלן זיי דאס נישט טאן מיט תרעומות חלילה נאר באהבה און מיט ריקודין! ובשמחה. אין זעלבן טאג פון אנקום קיין אוישוויץ ביום י"א סיון, איז ער אריין אין גאז קאמער מען מיט רוב בני המשפחה פון בערך 90 נפשות און אוועק על קידוש השם. בחייהם ובמותם לא נפרדו. זיי אלע זענען צוזאמען אומגעברענגט געווארן מיט'ן מיתה משונה פון אוישוויצן שטייגער. – נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך.

# אשרי העולם שאומה כזו שרוי בתוכה

"והנה לפני שנתיים ביקרתי באושוויטץ, המקום שנהרגו שם רבבות ישראל, והגוי שהראה המקום להבאים שם, כאשר הגיע למקום הגאז-קאמער, שאל אותו גוי אחד מן המבקרים, אם היהודים כאשר הגיעו למקום הזה, ידעו והכירו כבר שכאן הוא סופם, והשיב לו, כאן ידעו כבר כולם שהולכים לטביחה. ושאל אותו ומה עשו אז היהודים, והשיב לו, מקצתם היו מתפללים, ומקצתם יצאו בשירה וזמרה. - ובאמת אי אפשר להבין איך גוי יוכל להסביר תופעה כזו להיות בשמחה בשעה שיוצאים ליהרג, ואשרי עולם שאומה כזו שרוי בתוכה, ה' ינקום דמם".

מדברי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א,
פרקי אבות פ' נשא תשע"ג.

# ליזענסק

זינט עס האט אויפגעשיינט דאס הייליגע ליכט פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע פאר לערך 235 יאר צוריק, האט דאס ווארט "ליזענסק" באקומען גאנץ אן אנדערן און א פיל העכערן באדייט.

ליזענסק, א פשוט שטעטל אין פוילן צווישן הונדערטער אנדערע אזעלכע שטעטלעך, איז דורך דעם וועלט בארימטן צדיק הדורות – איינער פון די גרעסטע זיילן אין דעם עולם החסידות, דער רבי פון פיל גרויסע רבי"ס און דינאסטיעס – פארוואנדלט געווארן אין א הייליגן און דערהויבענעם באגריף. ס'איז געווארן אן אבן שואבת פון וואו כלל ישראל האט גענומען שעפן קדושה און מדריגות אין דביקות השי"ת.

די השפעה פונעם הייליגן פייער וואס איז געקומען פון ליזענסק האט פאר די לעצטע 235 יאר דערווארעמט אידישע נשמות. געוואשן און גערייניגט אידישע הערצער צו דינען השי"ת בכל לבב ובכל נפש. עס האט פיל אידן געמאכט הארעווען אויף שבירת התאוות והחומריות און אויף צו לייטערן די מדות. דורך דער השפעה פון ליזענסק האבן פיל אידן זוכה געווען צו געוואלדיג גרויסע השגות און צו אמת'ע שלימות'דיגע גדלות, וואס מען האט אזוי איבערגעגעבן פון דור צו דור, פון רבי צו תלמידים אאז"וו.

גאנץ אנדערש איז אין ליזענסק געווארן דאס תורה-לערנען און דאס דאווענען. ס'איז אלץ געווען לויטן "צעטיל קטן" וואס דיקטירט, אז יעדער מחשבה ווי יעדער באוועגונג זאל זיין בלתי לד' לבדו און אדוק אין השי"ת. ס'איז נישט קיין וואונדער, אז ליזענסק האט פון זיך ארויסגעגעבן אזא גרויסע צאל פון צדיקים וועמענס עבודת ד' איז געווען א לעגענדארע מיט מסירת נפש ממש.

ווער קען דען באשרייבן די טיפקייט, די קדושה, די סודות און רמזים, די באקאנטע "שטערנדליך" פונעם ספר הקדוש "נועם אלימלך" און וואס פארא קאלאסאלע השפעה דאס האט געהאט אויף פילע טויזנטער אידישע נשמות? זענען דעריבער טאקע דער "נועם אלימלך" ווי דער "צעטל קטן" געבליבן א יסוד פאר די רבבות ישראל וואס האבן זיך געקלאמערט אין חסידות. ס'איז געווארן זייער מורה דרך און לייכט טורעם פאר השגות אין אלוקות ווי פאר התעוררות לעבודת ד' אין אלע הינזיכטן במחשבה, בדיבור ובמעשה.





# א סיפּור נורא

## וואס לערנט אונז ווי ווייט דער הייליגער ר״ר אלימלך זי״ע בעט פאר ׳יעדן איד׳

### - עניני דיומא פאר א נסיעה צום ציון קודש הקדשים -

**דאס שרייבט כ״ק הגה״צ מסאמבאטעלי זצוק״ל אין הקדמה צום ספר ׳דרשת לחם שלמה׳. כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א האט עס כמה פעמים נאכפארציילט.**

...ואני זוכר שפ״א סיפר [הגה״ק משימלויא] ברבים בלימוד פרקי אבות מעשה נורא מהה״ק הר״ר אלימלך ז״ל זי״ע (וכמדומה לי שאמר ששמע מעשה הלז מזקינו הגה״ק בעל קול אריה זי״ע) שפ״א הפסיק הרר״א מלהניח תפילין דר״ת איזה ימים, והיה הדבר לפלא בעיני תלמידיו, והיו יראים לשאלו ולהזכירו על זה, אבל אח״כ התחיל להניח תפילין דר״ת עוה״פ, ואמר אז לאנ״ש שלא יקשה להם מדוע פסק להניחם מקודם, כי זה הי׳ מחמת מעשה שהי׳. כי פ״א היה טרוד מאוד במשך כל היום מחמת אורחים הרבה שהיו אצלו וטרדוהו כל היום וגם לרבות בתחלת הלילה עם בקשות שונות ושאילת עצה וכדומה, עד שבאיחור זמן בלילה עזבוהו והיה אפשר לו אז לטעום קצת סעודת הערב ולעסוק בתורה ועבודה.

ולערך ב׳ או ג׳ שעות אחר חצות הלילה עלתה בידו לקרוא קר״ש ולילך אל מטתו ולפוש ולנוח קצת אחר שהיה עיף ויגע מעבודתו הקדושה, וכשהתחיל לישון קצת פתאום שמע שדופקים בחלונו בחזקה, ועמד שם איש שבכה וביקש את רבינו הנוע״א זצ״ל שיעורר רחמים בעד בתו הצעירה שהיא מקשה בלדתה, והיא עומדת בסכנה גדולה, וכשניעור רבינו הנוע״א ברגעים הראשונים של שינתו עלתה בלבו קצת הקפדה, וחשב שאינו די שכל היום וגם חלק גדול מהלילה אין לו מנוחה מהעולם, רק גם עתה בשעות המאוחרות אחר חצות הלילה אינם מניחים לו לישון ולפוש קצת. ככה עלתה במחשבתו ברגע הראשונה, אבל לא אמר כלום, רק נטל את ידיו הק׳ והלך אל החלון ופתח אותה ושאל על שם האשה המקשה לילד, ובירך אותה ונוושעה וילדה.

הוא ז״ל הלך לישון בחזרה, ויען שהיה דרכו בקודש לעשות תמיד חשבון הנפש קודם השינה, עשה גם כעת עוה״פ חשבון הנפש והיה מהרהר ומחשב במעשיו הקודמים, וחרה לו איך עלתה בלבו קצת הקפדה בתחילה כשניעור משנתו על שטרדוהו והקיצוהו בעבור בת ישראל שהיתה עומדת בסכנה, הלא אם היו מקיצים אותו בעבור שבתו שלו היא מקשה לילד והיא בסכנה, והיו מבקשים אותו שיעורר רחמים על בתו, אז לא היה חרה לו כלל, ואדרבה היה מכיר טובה לאלו שהיו מודיעים לו זאת, והיה קופץ ממטתו לבקש רחמים עליה. נמצא דהקפדה שעלתה על לבו היתה רק בעבור שהדבר לא היה נוגע לבתו אלא לבת איש אחר מישראל, ואיש כזה, שהוא נפק״מ לו אם בתו נתונה בסכנה או בת איש אחר מישראל, זה בודאי אינו נקרא חסיד (שהיא מדריגה גדולה מצדיק כידוע), ואם הוא אינו חסיד למה מניח תפילין דר״ת, הלא הלכה פסוקה בשו״ע (או״ח סי ל״ד ס״ג) שלא יעשה כן (להניח גם תפילין דר״ת) אלא מי שמוחזק ומפורסם בחסידות ... עכ״ל.

ע״כ גמר אז בלבו שאינו כדאי להניח תפילין דר״ת עד שישוב ויתקן מדותיו שיהיה ראוי להקרא חסיד ויהיה ראוי להניח תפילין דר״ת, ע״כ לא הניח איזה ימים תפילין דר״ת, ע״כ.

קיין שום שפראך איז נישט בכוח צו שילדערן די אצילות'דיגע געשטאלטן פון די הייליגע חבריא פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע ותלמידיו הקדושים. קיינער איז נישט מסוגל אפצומאלן, אפילו בלויז טיילוויז, די ממש הימל'דיגע אטמאספערע וואס האט דארט געהערשט. גרויסע און בארימטע צדיקים האבן עדות געזאגט, אז אפילו די הימלען זענען אין ליזענסק געווען העכערע...

איצט קומענדיג אי"ה אויף ליזענסק, איז כדאי צו געדענקען ווער אלץ פלעגט טאקע קומען צו פארן צו דעם שטאט און דא טרעטן אויף דעם באדן וואו מיר וועלן האבן די זכי' צו קומען בראשות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

לאמיר אויסרעכענען כאטש עטליכע פון די נאענט פופציג גרויסע תלמידים פון הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע, וואס מתורתם וצדקתם אנו חיים עד היום הזה. והלא הם: דער חוזה מלובלין, דער זרע קודש פון ראפשיץ, דער קאזשניצער מגיד, דער ר"ר מענדל מרימאנאוו, דער אפטער רב, ר"ר משה לייב סאסווער, ר' אורי סטרליסקער, דער באר מים חיים, רבי אייזיק'ל קאלובער, דער מאור ושמש זי"ע - דער מאור ושמש שרייבט: "העולם הי' שמם עד שבאו שני המאורות הגדולים לעולם הבעש"ט והרבי ר' אלימלך, והם פתחו שער לה' צדיקים יבואו בו" (מאור ושמש פ' אמור).

אט וואו די צדיקים כשרפי מעלה האבן זיך געקלאמערט זענען מיר זוכה צו קומען. וואס הרה"ק רבי מאיר'ל מפרימישלאן זצוק"ל האט אמאל געזאגט: "ווער עס וויל האבן יראת שמים זאל גיין צום ציון פון ר"ר אלימלך קיין ליזענסק. ער זאל מתפלל זיין דארט און ער וועט זען אז זיינע תפילות וועלן עושה פירות זיין".

אין ספר 'תולדות הנפלאות' ווערט געברענגט, אז דער הייליגער שרף פון מאגלניצא זי"ע האט דערציילט, אז זיין מוטער הצדיקת הקדושה פערל ע"ה, די טאכטער פון הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע - בעל עבודת

ישראל, האט עטליכע יאר נאך די חתונה מיט איר גרויסן מאן הרה"ק רבי אבי עזרי זעליג שפירא זי"ע נישט זוכה געווען צו האבן קינדער און האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין ליזענסק צום ציון פון גרויסן רבי'ן פון איר גרויסען טאטן זי"ע.

זייענדיג אונטערוועגנס איז זי געבליבן אויף א שבת אין ניישטאדט, - וואס איז געווען ביים גרעניץ, - ביים הייליגן בעל מאור ושמש זי"ע, וועלכער האט דארט געוואוינט. ווען דער מאור ושמש האט געהערט אז זי איז אויפ'ן וועג קיין ליזענסק, האט ער זי אפגערעדט, זאגענדיג: "וואס האט אן אשה צו זיין אויפ'ן הייליגן ציון"? דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז שוין סיי ווי גאר הויך בעולם העליון און עס איז נישט פארהאן קיין תועלת צו זיין אויף זיין ציון, כהנה וכהנה האט ער זי פרובירט אפצורעדן פון פארן קיין ליזענסק.

**...ווער קען דען באשרייבן די טיפקייט, די קדושה, די סודות און רמזים, די באקאנטע "שטערנדליך" פונעם ספר הקדוש "נועם אלימלך" און וואס פארא קאלאסאלע השפעה דאס האט געהאט אויף פילע טויזנטער אידישע נשמות?...**





אויפצומארגענס האט דער מאור ושמש זי געלאזט רופן, און האט געזאגט: "איר זאלט וויסן אז מיין הייליגער רבי איז צו מיר געקומען, און ער האט אויף מיר געהאט א גרויסע הקפדה אז איך האב אייך געוואלט אפרעדן פון פארן צו זיין ציון, און האט מיך געווארענט אז איך זאל אייך שטארק מחזק זיין צו גיין צו זיין ציון, און איר וועט בעזהשי"ת דארט אויסבעטן אלע אייערע תפלות ובקשות"!

נאך שב"ק האט דער מאור ושמש פערזענליך גע'שתדל'ט צו באקומען א וואגן פאר די צדיקת אז זי זאל קענען אריבערגיין די גרעניץ און ממשיך זיין קיין ליזענסק צום ציון. ווי באקאנט האט זי זוכה געווען צו א הייליגן זון, הגה"ק רבי חיים מאיר יחיאל שפירא זי"ע וועלכער איז בארימט געווארן אלס דער "שרף פון מאגלניצא" און האט פארשיינט די וועלט מיט זיין תורה וקדושה.



# די אידן האבן באין ברירה אויפגעגראבן און האבן געזען דעם אור גדול...

ווען דער לאנד פולין איז איינגענומען געווארן דורך די דייטשן ימ"ש ביי די צווייטע וועלט'ס מלחמה, האבן די פלאלאקן דערציילט פאר די נאצי'ס ימ"ש אז אינעם אוהל אין ליזענסק באהאלטן די אידן זייער גאלד און זילבער. זיי האבן אזוי געמיינט, ווייל טויזענטער אידן פלעגן שטראמען צום ציון יערליך, איבערלאזענדיג קוויטלעך, וואס זיי האבן געמיינט אז מען באהאלט דארט די פארמעגענס, איבערהויפט אין די דאזיגע שווערע צייטן.

ווען די רשעים האבן דאס געהערט, האבן זיי גענומען עטליכע אידן, און באפוילן אז זיי זאלן אויפגראבן דעם קבר פונעם איש האלקים, צו זען וואס מען האט דארט באהאלטן (לויט אנדערע מקורות האבן זיי גערופען די אידן, ווייל עטליכע דייטשן וועלכע האבן פרובירט צוצורירן צום קבר זענען אומגעקומען אויפ'ן ארט!) די אידן האבן באין ברירה אויפגעגראבן און געזען דעם אור גדול, דעם גוף טהור בשלימות הגמורה, וואס האט אויסגעזען ווי מען וואלט עס איצט קובר געווען. מחמת רוב פחד האט מען שנעל צוריק קובר געווען דעם ציון.

דאס האבן דערציילט צוויי עדי ראי', ר' יוסף פאגעל ע"ה און ר' ישראל זעלנער ע"ה, מתושבי העיר ליזענסק. זיי האבן מעיד געווען אז זיי האבן געזען די דיוקנא קדישא, די בארד פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע און ס'איז טאקע געווען ווי "קאלטאנס" (צעטיילטע געקניפטע טיילן) ווייל ידוע האט ער קיינמאה נישט געקעמט זיין בארד. אן אנדערער איד פון דארט הרה"ח מו"ה ישראל ניימאן שליט"א דערציילט אויך, אז זיין מאמע ע"ה איז דעמאלסט געווען אין ליזענסק און האט געדענקט די מורא'דיגע עובדא ווען עס איז פארגעקומען און אז אנדערע אידן זענען אהינגעלאפן צו זעהן דעם גוף קדוש.

ס'איז דעריבער נישט קיין חידוש, אז דער קבר פון רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, איז פאר אלע יארן א תל-תלפיות, וואוהין טויזנטער און טויזנטער אידן האבן געשטראמט - און שטראמען ווייטער - אפילו ביי שטורעמדיגע שניי-וועטערן מתפלל צו זיין און אין זכות פון די תפילות זוכה זיין צו ישועות.